

NYC Health

# אידענטיפיצירן און ארויסנעמען טיקס אין ניו יארק סיטי

רוב טיקס וואס זענען געוויזן אונטן זענען זעלטן אין ניו יארק סיטי (New York City, NYC) חוץ פון אין סטעטן איילענד און אין נארט בראנקס. זיי זענען אבער פארשפרייט אין געגנטער ארום NYC.



### שווארץ-פיסיגע (הערשן) טיק

פארשפרייט אין צפון-מזרח און מיטל-מערב סטעיטס. קענען אריבערפירן ליים דיזיז, אנאפלעזמאָזיס, בעביזיאָסיס און די *פּאָוואַסען ווירוס.*



### איינצלנע שטערן (לאָון סטאַר) טיק

פארשפרייט אין ניו יארק סטעיט (New York State, NYS) און אנדערע מזרח סטעיטס. קענען אריבערפירן ערליקיאָסיס און עס איז פארבינדן מיט אלפא-גאל סינדראם (אלערגיע צו רויטע פלייש).



### אמעריקאנער הונט טיק

פאשפרייט מזרח פון די ראַקי מאונטעינס, אריינרעכענענדיג NYC. קענען אריבערפירן ראַקי מאונטעין פלעקן פיבער.



### גאלף קאָוסט טיק

ווערט געפונען אין דרום און אטלאנטישע ברעג סטעיטס. קענען אריבערפירן ריקעטסייאָסיס פון די *Rickettsia parkeri* באקטעריע.



### אזיאנע לאנגע הארן טיק

פארשפרייט אין NYS און אנדערע מזרח סטעיטס. נישט באקאנט צו אריבערפירן קראנקהייטן צו מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן.

### טיקס זענען קליין.

די בילדער אויבן ווייזן ערוואקסענע טיקס. דא זענען טיקס געוויזן אין זייער עכטע גרויסקייט.




## פאקטן איבער טיקס



טיק צוגעקלעבט צו די הויט, פאראורזאכנדיג אנטצינדונג.

- טיקס זענען קליינע קריכעדיגע שרצים וואס עסן בלוט. נישט אלע טיקס טראגן קראנקהייטן מיט זיך און נישט אלע מענטשן וואס ווערן געשטאכן דורך א טיק וועלן קראנק ווערן.
- טיקס פליען נישט און שפרינגען נישט. זייווארטן פאר מענטשן אדער חיות זיי צו אריבערגיין, און דאן כאפן זיי זיך ארויף און קריכן צו א ווארעמע פלאץ אויף די קערפער פון וואו זיך צו פיטערן.
- טיקס קענען זיין אקטיוו אין יעדע צייט ווען די טעמפעראטור אינדרויסן איז העכער פון די טעמפעראטור וואו וואסער ווערט פארפרוירן.
- טיקס האבן ליב פייכטע וועטער און שאטן. זיי קענען געפונען ווערן אין פלעצער מיטביימער, הויכע גראז און געפאלענע בלעטלעך.

רוב NYC איינוואוינער וואס האבן קראנקהייטן וואס ווערן ארומגעטראגן דורך טיקס ווערן אינפעקטירט ווען זיי זענען אין פלעצער וואו די קראנקהייטן זענען מער פארשפרייט, אריינרעכענענדיג אפּסטעיט ניו יארק, לאנג איילענד, ניו דזשערסי און אנדערע צפון-מזרח סטעיטס. מענטשן קענען אויך אינפעקטירט ווערן פון טיקס אין סטעטן איילענד און געוויסע חלקים פון די בראנקס.

## סימנים און סימפטאמען פון קראנק־קהייטן וואס ווערן אריבערגעפירט דורך טיקס





- **ליים דיזיז:**
  - איין אדער מער אויסשלאגן וואס פארגרעסערן זיך און האבן א רויטע פינטל ארומגענומען מיט א קלארע רינג און ארום דעם נאך א רויטע רינג (די אויסשלאג איז אנדערש פון נארמאלע רויטליכקייט ארום א טיק שטאך)
  - פיבער, מידקייט, קאפ ווייטאג און ווייטאגן אין די מוסקלען אדער געלענקען (דזשוינטס)
  - מוח/נערוון און הארץ פראבלעמען און ארטרייטיס קענען זיך אנטוויקלען
- **בעביזיאָסיס, אנאפּלעזמאָזיס און ערליקיאָסיס:**
  - פיבער, טשילס, קאפ ווייטאג, ווייטאגן אין די מוסקלען און מידקייט
- **ראַקי מאונטעין פלעקן פיבער:**
  - פיבער, טשילס, שווערע קאפ ווייטאג, ווייטאג אין די מוסקלען און אן אויסשלאג אויף די האנט פלאך און פיס פלאך וואס פארשפרייט זיך צו די קערפער
  - קען פירן צו טויט אויב עס ווערט נישט באהאנדלט פרי מיט די ריכטיגע אנטיביאטיק

זעהט אייער דאקטאר אויב איר באקומט סיי וועלכע פון די סימפטאמען.

## וויאזוי צו פארמיידן צו געשטאכן ווערן דורך א טיק

- שטייט אוועק פון פלעצער מיט ביימער און דיקע פלאנצונגען מיט הויכע גראז אדער אראפגעפאלענע בלעטלעך; גייט אין די מיטן פון טרעילס.
- טראגט לאנגע הויזן און העמדער מיט לאנגע ארבל מיט העלע קאלירן צו גרינגער מאכן צו זעהן טיקס. שטעקט אריין די אונטן פון די הויזן אין די זאקן צו העלפן האלטן טיקס אוועק פון אייער הויט.
- נוצט א מאטעריאל וואס האלט אוועק אינזעקטן וואס איז רעגיסטרירט מיט די ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור (Environmental Protection Agency, EPA). די אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאלן זענען געטעסט געווארן פאר זיכערהייט און ווירקזאמקייט.
  - נוצט אן אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאל מיט DEET, picaridin, IR3535, אויל פון לעמאן עקאליפטוס, Para-menthane-diol (PMD) אדער 2-undecanone אויף אויפגעדעקטע הויט.
  - באשמירט/באשפריצט קליידונג און געצייג נוצנדיג אן אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאל מיט 0.5 פראצענט permethrin.
  - פילע נאטורליכע אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאלן זענען נישט רעגיסטרירט מיט די EPA און זענען נישט אונטערזוכט געווארן.
  - פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **epa.gov/insect-repellents/find-repellent-right-you**.
- קוקט איבער קליידונג און אויפגעדעקטע הויט פאר טיקס בשעת'ן זיין אינדרויסן.

## וואס צו טוהן נאכן אריינגיין אינעווייניג

- נעמט א באדע אדער שויער ווי שנעלער מעגליך צו אראפוואשן טיקס וואס זענען נישט צוגעקלעבט.
- קוקט איבער אייער גאנצע קערפער פאר טיקס.
- וואשט שמוציגע קליידונג אין הייסע וואסער און דערנאך טרוקנט זיי אויס אויף נידעריגע היץ פאר 90 מינוט אדער אויף הויכע היץ פאר 60 מינוט.
- לייגט אריין קליידער וואס איר וואשט נישט אין די דרייער אויף הויכע היץ פאר 10 מינוט (אדער לענגער אויב די קליידער זענען פייכט).

שטעלט אויף א 'זאנע זיכער פון טיקס' אין אייער הויף. צו לערנען מער, באזוכט **on.nyc.gov/tick-yard-booklet**.

### וואו צו קוקן פאר טיקס




## באשיצט אייערע שטוב חיות

- קוקט איבער אייערע שטוב חיות פאר טיקס.
- פירט אריבער אייערע פינגערס אריבער זייער האר צו פילן פאר סיי וועלכע קליינע באָמפּס. קוקט פאר פלעצער וואס זעהען אויס צו האבן אן אנטצינדונג.
- פרעגט אייער חיות דאקטאר איבער וועגן צו האלטן טיקס אוועק פון אייערע שטוב חיות.

### וואו צו איבערקוקן אייער שטוב חיה פאר טיקס




## וויאזוי צו ארויסנעמען א טיק זיכערערהייט

1. באנוצט זיך מיט שפיציגע טוויזערס אדער מיט אזעלכע וואס האבן דינע עקן.
2. כאפט אן די טיק ביי די קאפ אדער מויל געגנט ביי די פלאץ וואו עס גייט אריין אין די הויט.
3. שלעפט אויף ארויף מיט אביסל כוח און מיט גלאטע באוועגונגען.
4. לאזט אראפ די טיק מיט די וואסער אין בית הכסא אדער וויקלט עס איין אין קלעב (טעיפּ) בעפארן עס אריינלייגן אין די מיסט. אויב איר ווילט ברענגען די טיק צו א דאקטאר אז זיי זאלן עס אידענטיפיצירן, לייגט עס אריין אין א פארזיגלטע זעקל אדער קאנטעינער, אויב מעגליך מיט א קליינע מאס פון רייניגונג אלקאהאל.



קוועטשעט נישט ארויס די טיק. נעמט ארויס די טיק ווי שנעלער און ווי ריינער מעגליך.

5. רייניגט די פלאץ פון די שטאך און אייערע הענט מיט רייניגונג אלקאהאל אדער זייף און וואסער.
6. האלט אן אפענע אויג פאר סימפטאמען. אויב איר באקומט אן אויסשלאג, פיבער אדער סימפטאמען וואס קוקן אויס ווי די פלו ביז עטליכע וואכן נאכן ארויסנעמען א טיק אדער זיין אין א פלאץ וואו טיקס לעבן, דאן גייט זעהן א דאקטאר.
7. נעמט אין באטראכט זיך צו פארבינדן מיט א דאקטאר נאכן ארויסנעמען א צוגעקלעבטע טיק, באזונדערס אויב עס איז געווען אין א ראיאן וואו ליים דיזיז איז פארשפרייט. אייער דאקטאר וועט מעגליך פארשרייבן אן איינצלנע דאזע פון דאַקסיסייקלין צו פארמיידן אינפעקציע.



## פאר מער אינפארמאציע

באזוכט **cdc.gov/ticks** אדער **nyc.gov/health/ticks**.

פאר מער אינפארמאציע איבער אידענטיפיצירן טיקס, באזוכט די 'טיק באגעגעניש הילפס-מיטל צענטער' (Tick Encounter Resource Center) אויף **tickencounter.org**.

אינפארמאציע און בילדער אויף די קארטל זענען איבערגעארבעט געווארן פון די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט (New York State Department of Health) און צענטער פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention). בילדער פון די שווארץ-פיסיגע (הערשן) טיק געברענגט דורך די USDA אגריקולטורישע פארשונג סערוויס (Agricultural Research Service).





